# לייטונג פון „העברה“ אין דימיסיע

## סענסאציאנעלע ידיעה אין דער העברעאישער פרעסע

ירושלים, 1 (יט"א טעלעגראפיש)
די העברעאישע פרעסע פערעפענטליכט א סענסאציאנעלע ידיעה, אז די לייטונג פון „העברה“, האט זיך אנגעגעבען אין דעמיסיע
פון די העברה־קרייזען ווערט די ידיעה נישט בעשטעטיגט ,אבער אויך נישט אפגעלייקענט

### סעסיע פון „וציק“

מאסקא, 1 (ספ. טעל.)
דאס פרעזידיום פון אלרוסישען צענטראלען אויספיהר קאמיטעט האט בעשלאסען אויפ'ן 10 יאנואר צונויפצורופען קיין מאסקווא די סעסיע פון „וציק“ . !

### פאליטישע אמנעסטיע אין בעלגראד

בעגראד, 1 (ספ .טעל. )
דער רעגענטען־ראט האט אונטערגעשריבען דעם אמנעסטיע דעקרעט, וועלכער נעהמט ארום פאליטישע פערברעכענס.

### דיסקוסיע אין פראנצויזישן פארלאמענט

#### וועגען דעם אפמאך מיט די סאוויעטען

פאריז, 1 (ספ. טעל.)
דער פארלאמענט וועט בקרוב אנהויבן א דיסקוסיע וועגן ראטיפיצירן דעם פראנצויזיש - סאוויעטישן אפמאך וועגן געגנזייטיגע הילף. אין צוזאמענהאנג דערמיט שרייבט די פראנצויזישע פרעסע, אז דער אפמאך איז נישט געווענדעט געגן דייטשלאנד.

---

### יודישע פאזיציעס

#### אין שטאדטישען־בודזשעט אין טשענסטאכאוו

טשענסטאכאוו (יט"א) דער שטאטישער בודזשעט אויף דאס יאהר 1935-36, וואס איז די טעג אנגענומען געווארן, ענטהאלט אויך איניגע פאזיציעס פאר יודישע געזעלשאפטליכע אינסטי־טוציעס. די דאזיגע פאזיציעס זענען בעשטעטיגט געווארן טראץ דער אפאזיציע פון די ענדעקישע ראטמענער. אויף איינער פון די בודזשעט - זיצונגען האט די ענדעקישע פראקציע געפאדערט צו פער־ווערן די יודישע שחיטה. דער פארשלאג וועט קודם כל בעטראכט ווערן דורכ'ן מאגיסטראט. אין צוזאמענהאנג דערמיט האט דער היגער רב ר' נחום אש אויסגעארבייט אנ'אויספיהרליכען מעמאריאל, אין וועלכען עס ווערט אלזייטיג בעלויכטען דער ענין־שחיטה און עס ווערען אפגעווארפען די אנטי־סעמיטישע רכילות'ן געגען דער יודישער שחיטה.

---

### א יודישער געלעהרטער — א קרבן פון בערוף

וויען (יט"א) דער בעקאנטער ווינער רענטגע־נאלאג, פראפ. ד"ר ראבערט דאהאן, איז געשטאר־בען אלס קרבן פון זיין בערוף. די סיבה פון דעם געלעהרטענ'ס טויט איז געווען די אז. גער. רענטגען־אנעמיע. דער פערשטארבענער איז נאך לאנגע יאה־רען געשטאנען בראש פון רענטגען -אינסטיטוט ביים שפיטאל פון דער ווינער קויפמאנשאפט. ד"ר דאהאן איז געווען אנ'איבערגעגעבענער יוד און איז געווען זעהר פאפולער הן אין די מעדיצינישע הן געזעלשאפטליכע קרייזען.

### יודען קענען נישט זיין קיין „איבערגעבענע־ארבייטער“

בערלין (יט"א) דער ארבייטס - מיניסטער האט ארויסגעגעבען א מעלדונג, אז יודען וועלן נישט קאנען בעקומען די אויסצייכנונג „פאר איבערגעגע־בענער ארבייט“, וואס איז איינגעשטעלט געווארען פאר דייטשע ארבייטער. די אויסצייכנונג איז איינ־געשטעלט געווארען דעם 14־טען נאוועמבער ה. י., רעמאלט איז אבער אין דער אפיציעלער פעראָרד־נונג נישט געווען אנגעגעבען, אז יודען וועלען פון דער דאזיגער אויסצייכנונג נישט קענען נעניסען.

### רעליגיעזע קאמפען אין אינדיען

לאהארא ,1 (ספ .טעל.)
דא זענען פארגעקומען רעליגיעזע קאמפען צווישען די סקיהען און הינדוסען, ס'זענען פער־האן טויטע און פערוואונדעטע ;

GRUZLICA JEST
CHOROBA ZARAŹLIWA
KUP NALEPKĘ PRZECIWGRUŹLICZĄ

## א מלוכה־מאן מיט א וועלט־נאמען

### דארף געשטעלט ווערען אין דער שפיץ פון פליטים־קאמיטעט

זשענעווע, 1 (יט"א טעלעגראפיש)
די עקספערטען - קאמיסיע האט אנגענומען א רע־זאלוציע צו פערשטארקען די מעגליכקייט, צו לעגא־ליזירען דעם יורידישען מצב פון די פליטים אין די לענדער וואו זיי וואוינען.
דער הויך־קאמיסאר מאקדאנאלד האט פער־טיידיגט דעם שטאנדפונקט, אז דער פעלקער־בונד זאל זארגען, נישט נאר פאר די 30 טויזענד פליטים, וואס זענען שוין אנטלאפען, נאר אויך פאר די יו־דען, וואס וועלען מוזען פערלאזען דייטשלאנד.
ווייטער האט ער זיך ארויסגעזאגט פאר שאפען אנ'אנפיהרונג אין דער שפיץ מיט א מלוכה־מאן מיט א וועלט־נאמען.
די עקספערטען - קאמיסיע האט אויך אויסגע־הערט א רעפעראט פון ד"ר רופין, וועלכער איז באלד אפגעפאהרען פון זשענעווע. א רעדע האט אויך געהאלטען דזשאנסאן פון נאנסען־אמט.
א שטארקען רושם האבען געמאכט די ערקלע־רונגען פון דעם בעריהמטען דייטשען שריפטשטע־לער הייגריך מאן און פון פראפעסאר געארג בער־נהארד. ביידע האבען זיי זיך אין נאמען פון די פלי־טים ארויסגעזאגט פאר שאפען א ספעציעלען קא־מיטעט פאר די פליטים. בערנאהארד און מאן האָ־בען פארמולירט 5 פאסטולאטען.

עסנדיג א מיטאג
טייל דיך מיט א הונגעריגן
דורך דער פערמיטלונג פון
בירגער־קאמיטעט
פון טראגען הילף די ארימסטע

זאל פילהארמאניע
נארודאוויטשא 90 — טעל. 213-84
היינט — לעצטע געזעגנונגס־פארשטעלונג פון
דזשעק רעכטצייט
גראנדיעזע פארשטעלונג מיט א קאנצערט־דיווערטיסמענט
היינט, מאנטאג, 9.15 אוונט
דער פרייליכער ציגיינער



נאך דער פארשטעלונג
א גרויסער פרייליכער קאנצערט
מיט'ן אנטייל פון דזשעק רעכטצייט און דער גאנצער טרופע
• געזאנג • טענצע • לעבעדיג ווארט • רעציטאציעס
עס נעמט אנטייל דער גאנצער ערשטקלאסיגער אנסאמבל לויט א.ב.
אייזענבערג, בעזמאן, בליאכער, נארליצקא, הערשקאוויטש, זשעניא און היימי לעווין, טופמאן, לאטאוויטש, ניסענצווייג, פישער, פאזנאנסקי, נייהויז, רייכענבערג, שערמאן.
סצענעס סקעטשעס מאנאלאגען בילדער
יעדער ארטיסט אויף זיין שטייגער יעדער אין זיין רעפערטואר.
שענסטע אפערעטע!
30 נומערן געזאנג אין 10 שפראכען 30 !
עפעקטפולע טענץ הערליכע אויסשטאטונג
הויפט־ראל: דזשעק רעכטצייט.



בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון טעאטער „פילהארמאניע“.
אדמיניסטראטאר : ש. הערשקאוויטש.

